Biuro Ogłoszeń
Rudolf Mosse
Kraków


# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

הײַנט 10 זײַטען.

אַדרעס
פון „ראַדאָמער-קעלצער לעבען"

Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben"
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*
ul. Sienkiewicza 61.

אַנאָנסען פרייזן

איין מילימעטער שורה: פאַר'ן טעקסט 20 גר.
„ „ „ אין „ 40 „
„ „ „ נאָכ'ן „ 18 „
די ערשטע און לעצטע זײַט ענטהאַלטן 8 שפּאַלטען
אין טעקסט 4 „

ראַדאָם פרייטאָג ח׳ כסלו תרפ״ח ◆◆ פאַר'ן אינהאַלט פון טעקסט אין די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע ניט פאַראַנטוואָרטליך ◆◆ 2-go grudnia 1927 r.



*Kino PALACE Kielce.*

Od wtorku d. 29 listopada i dni nast.
**Największe arcydzieło**
**hr. LWA TOŁSTOJA**

## Zmartwychwstanie

dramat w 10 wielkich aktach.
W rolach głównych: **Dolores del Rio i Rod la Rocque**
Zdjęciami kierował osobiście
syn wielkiego myśliciela *hr. Ilja Tołstoj.*



PŁYN
JAŚNIEJ SŁOŃCA
CZYŚCI IDEALNIE
SZYBY, LUSTRA
i WSZELKIE METALE.
NIE RYSUJĄC ICH.
SPROBUJCIE A PRZEKONACIE SIĘ


Z intencji zaręczyn kuzyna mego
**Pinkusa Albirta**
z panną **Wajnrybówną**
ze Skarżyska, życzy dużo szczęścia i pomyślności.

Kielce *Bernard Albirt.*

אַ האַרציקן מזל-טוב
דריקן מיר אויס אונזער ח׳
**ש. אַ. בורשטין און זײַן פרוי**
צום געבורט פון זייער **זון**.

פאַרוואַלטונג פון פראָפ. פאַרײַן פון האַנדלס
און ביורא-אַנגעשטעלטע אין קעלץ.


## הײַזער אין בערלין

קויף איך, באַהלט קאַססע, ערלעדיגע אין לאָדז
H. MARCUS Berlin Wilmersdorf
**Motzstr 49 tel. Pfalzburg 9704**
צו ערקונדיגען אויך אין לאָדז
**H. MARKUS Łódź Narutowicza 9.**






| | | |
|---|---|---|
| Śniegowce damsk. z gubar. z aksamit wyłogami wysokie | Zł. | 25,-- |
| „ „ „ „ „ niskie | „ | 22,-- |
| „ „ z tryk. „Jersey" z aks. wyłogami niskie | „ | 19,-- |
| Kalosze męskie ciepłe | „ | 12,70 |
| „ damskie „ | „ | 11,30 |



## JAŚNIEJ SŁOŃCA
NAJLEPSZA ZAPRAWA DO PODŁÓG

פרישט אָב פּאַסאַדזקעס, לינאָלעאומס און פאַרבט אין פערלויף פון איין שעה, הייסט פּאָדלאָגעס אויף רויט אָדער טונקעל-ברוינעך.


## דאַנקזאַגונג

די געז. **בית יתומים** אין קעלץ דריקט אויס א הערצליכען דאַנק
די פר"ל: **יאַדוויגאַ צימבערקיעוויטש,**
**העלענאַ** און **לאָלאַ פרייזינגער**
און די ה"ה **אַדאָלף לעווי, אלבין גראַחאם,**
**ארנאָלד מינץ, מיעטעק גאָלדפאַרב,**
**אדאָלף פינציעווסקי** און **מ. מאורערבערגער**
פאַר זייער ניט פּראָאינטערעסירטע בעמיהונג ביים אָרגאַניזירען און שפּיעלען „**סובלאַקטאַרקאַ**".
א בעזונדערען דאַנק דעם סופלער **הערמאַן קאַפעל**
און די אָרקעסטער פון „פּאַלאַס".

# וואס הערט זיך אין ראדאם.

## פאטענטע אויף 1928?

### דער לעצטער טערמין איז דער 31-טען דעצעמבער ה. י.

ווי מיר דערוויסען זיך איז דער 31־טער דעצעמבער דער לעצטער טערמין פון אויסקויפען פאטענטען און אין די ערשטע טעג פון חודש יאנואר וועלען ספעציעלע בעאמטע ארומגעהן קאנטראלירען צי עס זענען אויסגעקויפט געווארען פאטענטען אויף 1928. די וואס וועלען נישט בעזיצען קיין פאטענטען, וועלען ציגעצויגען ווערען צו פעראנטווארטליכקייט.

די שאך־קאמער זאל ווי מ'הערט אויף קיין שום פאל דעם טערמין פון אויסקויפען פאטענטען נישט פערלענגערען.

### ווי אזוי עס ווערען איינגעטיילט די שטייער צאהלער—אינסטרוקציע פון פינאנץ־מיניסטעריום.

די שטייער־פראקטיק פאר די לעצטע 2 יאהר האט געגעבען די מעגליכקייט דער פינאנץ־מאכט גענוי פעסטצושטעלען אויף וועלכע קאטעגאריעס עס ווערען צוטיילט די שטייערצאהלער. עס האבען זיך אויסגעבילדעט ספעציעלע טיפען פון די שטייער־צאהלער און צו יעדען טיפ ווערט אנגעווענדעט אנ'אנדער סיסטעם און אנדער ארט האנדלען.

א ספעציעלע אינסטרוקציע פון פינאנץ־מיניסטעריום שטעלט פעסט די ראזינע קאטעגאריעס.

צו דער ערשטער גרופע געהערען די אזוי גערופענע לאיאלע שטייער־צאהלער. דאס זענען אזעלכע, וועלכע רעכנען זיך מיט די טערמינען פון די שטייער־אבצאהלונגען און פאסען זיך צו די געזעצען און פעראָרדנונגען. זעלבסט־פערשטענדליך, אז אויב עמיצער פון אזעלכע שטייער־צאהלער טראגט אריין א רעקורס אדער ווענדעט זיך צו דער ארוואלאציאנער קאמיסיע ווערט דאס ניט גערעכענט אלס א אנטי־לאיאלע טהאט. אין בעצוג צו דער דאזיגער גרופע דארף די שטייער־מאכט האנדלען ליבעראל און נעמען אין אכט די סיטואציע, אויב עס שאפט זיך א צייטווייליגע אייגענשאפט אין צאהלען די שטייערען.

צו דער צווייטער גרופע געהערען אלע ניט־לאיאלע שטייער־צאהלער, וועלכע רעכנען זיך ניט מיט די טערמינען, לאזען צו צו די עקזעקוציעס און לייקענען דעם אמת'ן צושטאנד פון זייערע אונטערנעמונגען.

אויב די שטייער־מאכט האט ידיעות אז אזעלכע שטייער־צאהלער האנדלען נישט לאיאל דארף מען געגען זיי אנווענדען די שארפסטע מיטלען.

צו דער דריטער קאטעגאריע געהערען פערארימטע און רואינירטע שטייער־צאהלער צו וועלכע מען דארף זיך בעציהען מיט דער גרעסטער פארזיכטיגקייט.

צו די שטייער־אמטען וועלען זיך רעכענען מיט דער דאזיגער אינסטרוקציע אין גאנץ שווער פאראויסצוזאגען.

### מעכאנישע מכשירים אין די בעקעריען.

#### אפיציעלע פעראָרדנונג אין „דזיענניק אוסטאוו".

אין לעצטען נומער פון „דזיענניק אוסטאוו" איז אפגעדרוקט א פעראָרדנונג פון די מיניסטארען פון אינערן, ארבייט, האנדעל און יוסטיץ וועגען איינפיהרען מעכאנישע מכשירים ביים זיפען און קנעטען טייג, אין די בעקערייען, צוקערניעס א. אנד.

די פעראָרדנונג איז ארויסגעגעבען געווארען אויפ'ן סמך פון דער פעראָרדנונג פון מלוכה־פרעזידענט וועגען בעקעמפען די פראפעסיאנעלע קראנקהייטען. אין דער פעראָרדנונג ווערט געזאגט:

1) דאס זיפען מעהל און דאס פערמישען און קנעטען טייג מיט די הענד

## אביסל מעהר פעראינטערעסירונג!

כ'איז געוויס בעקאנט דער יודישער בעפעלקערונג אין ראדאם, אז אין אונזער שטאדט עגזיסטירט א ישיבה, אין וועלכער עס ווערען געלערענט העכערע למודים פון תלמוד און פוסקים. ווי אזוי די ישיבה איז געגרינדעט און ביי וואסערע מאטעריעלע בעדינגונגען די ישיבה עגזיסטירט, דאס איז דער יודישער עפענטליכקייט וועניג בעוויסט. אין אונזער יעצטיגער ווענדונג וועלען מיר טאקי אנווייזען אויף דער בעשיידענער ענטשטעהונג פון דער נייער ישיבה־אינסטיטוציע, וועלכע איז געגרינדעט געווארן אהן רעש און איבעריגען געבילדער בלויז מיט דער ריינער און אידעאלער כונה מחנך צו זיין א יונגען דור אין גייסט פון תורה ומסורה, און כדי מחזק צו זיין און אויפהויבען דעם געשטאלטענעם ניוואָ פון דער תורה, וועלכער געפינט זיך, ליידער, בעתים הללו בשפל המצב.

אונזער איניציאטיוו צושאפען די ישיבה האט געפונען א שטארקען אבקלאנג און די רעזולטאטען פון אונזער ארבייט האבען בעוויזען, אז אזא תורה־אנשטאלט איז באמת א נויטווענדיגקייט. נישט קוקענדיג אויף דער קורצע צייט זינט די ישיבה עגזיסטירט, לערנען שוין דארט ביים היינטיגען טאג 200 תלמידים פון ראדאם און דער ארומיגער פראווינץ. פון די תלמידים לערנען 98% אומזיסט. זיי בעצאלען גארנישט און די פראווינץ־תלמידים ווערען בעזארגט מיט עסען און שלאפען.

וואו געפינט זיך די ישיבה און פון וועלכע מיטלען ווערט זי אויסגעהאלטען?

די ראזינע ישיבה געפונט זיך דערווייל אין שטאָדטישען בית המדרש, פערמאגט 5 כיתות, שטעהט אונטער דער השגחה פון דער צענטראלער ישיבה „תורה חיים" אין ווארשא, זי ווערט אנגעפירט דורך א ועד, וועלכער טהוט אלץ וואס מעגליך איז, בכדי פערבעסערען און פערשענערען דעם מוסד. קעמפט מיט דעפיציטען און פיהרט מלחמה מיט'ן געלד־מאנגעל, בכדי חוץ אלע הוצאות צו ערהעגליכען. די פראווינצער תלמידים אויפצוהאלטען זיך אין ראדאם.

די הכנסות שעפט זי פון די אבצאהלונגען, וואס די מיטגלידער טראגען אריין און פון נדבות, וואס יודען, האבענדיג פערשטענדניס פאר דער זאך, זענען מנדב. —

מיר פערשטעהען, אז דאס ארט, וואו די למודים קומען פאר, איז נישט צוגעפאסט פאר א ישיבה־לאקאל, אז ס'מוזען נאך געוויסע שנויים אריינגעברענגט ווערען אין סיסטעם פון לערנען.

ליידער אבער, אפילו היינט, מוטשעט זיך שטארק דער ועד און וועט ח"ו נישט קאנען ווייטער געהען, ווען די יודישע בעפעלקערונג זאל זיך נישט מעהר פעראינטערעסירען מיט דער ישיבה — מיר בעמערקען און שטרייכען דא אונטער, אז ס'איז איבריג וועמען ס'איז אנצווייזען אויף דעם גרויסקייט ערהאבענקייט פון דער זאך, אויף דער נויטווענדיגקייט צו דער דערהאלטען אין אזא גרויסע שטאדט. ווי ראדאם, א תורה־אנשטאלט, יעדער איינער ווייסט און פערשטעהט דאס, אפילו די, וועמענס קינדער געהען נישט אין תורה־אנשטאלטען, וועלען פעסטשטעלען, אז דער דאזיגער מוסד איז א קאלאסאלהויכע אונטערנעמונג, בפרט אין דער היינטיגער אפאטיע־צייט, דעריבער:

צו אייך יודישע בעפעלקערונג ווענדען מיר זיך! מיר הייסען און פיהלען די לאגע אויף דער יודישער גאס, אבער א מינוט אין דער וואך דערמאנט אייך אן דעם, אז ערגיץ וואו זיצען 200 תלמידים על התורה און דערהאלטען דעם קול התורה, לאזען נישט ס'זאל פערפריקענט ווערען דער שעפערישער קוואל, וואס האט געגעבען כח דעם יוד אריבערצוטראגען דעם צער הגלות. —

מיטגלידער פון דער אינסטיטוציע! נעמט אויף אונזערע אינקאסענטען בסבר פנים יפות! צאהלט רעגולער!

יודען! פערשרייבט אייך אלס מיטגלידער פון דער אינסטיטוציע [illegible] מנדב לטובת דער ישיבה!

**דער קאמיטעט פון דער ישיבה „תורת חיים" אין ראדאם.**

106 02

מערט פערוועהרט.

אין אלע בעקערייען, צוקערניעס, וואס ארבייטען אויס געבעקס פאר'ן עפענטליכען געברויך, אויב די אונטערנעהמונגען געפינען זיך אין געמיינדעס מיט א בעפעלקערונג איבער 5.000 פערזאן, אדער ערהאלונג'ס-אנשטאלטען, קור-בעדער, דארפען ביים זיפען מעהל, ביים פערמישען און קנעטען דאס טייג אנגעווענדעט ווערען ענטשפרעכענדע מעכאנישע מכשירים;

2) די אנשטאלטען וואס זענען אויבען אויסגערעכענט, וועלכע עקזיסטירען, ווען די דאזיגע פעראָרדנונג געהט אריין אין קראפט דארפען איינפיהרען די מעכאנישע מכשירים גישט שפעטער, ווי אין 6 חדשים נאכ'ן ערשיינען פון דער דאזיגער פעראָרדנונג. אין פאלען, וואס פערדינען א ספעציעלע בעריקזיכטיגונג, קען די אלגעמיינע אדמיניסטראציע-מאכט פון דער וואיעוואודזשאפט פערלענגערן נישט לענגער ווי אויף ווייטערדיגע 6 חדשים אין די וואיעוואודזשאפטען: ווארשא, לובלין, לאדז, קראקא, קיעלץ, לעמבערג, פויזען און פאמערן און אין וואַרשאווער רעגירונגס-קאמיסאריאט אויף דער שטאדט ווארשא און אין די וואיעוואודזשאפטען ביאלאסטאק, נאוואגרודעק, פאלעסיע, סטאניסלאוואוו, טארנאפאל, ווילנא און וואהלין — אויף 18 חדשים.

3) די שולדיגע אין עובר זיין אויף דער פעראָרדנונג וועלען בעשטראפט ווערען לויט ארט. 13 פון דער פעראָרדנונג פון מלוכה-פרעזידענט פון 22 אויגוסט 1927 וועגען פערהיטען פון פראפעסיאנעלע קראנקהייטען (דז. אוסט. נום. 78 פאז. 676)

4) די דאזיגע פעראָרדנונג טרעט אריין אין קראפט 6 חדשים נאך איהר פערעפענטליכונג אויפ'ן גאנצען געביט פון דער פוילישער רעפובליק מחוץ דער שלעזישער וואיעוואודזשאפט.

## לעצטער טערמין פון שטעלען זיך אויף דער קאנטראל-קאמיסיע.

דער ראדאמער סטאראסטא, ה' פטשעשעוסקי, האט אונז צוגעשיקט פאלגענדע מעלדונג:

אלע רעזערוויסטען, וועלכע זענען מחויב געווען צושטעלען זיך אויף דער אלגעמיינער קאנטראל-קאמיסיע און זיי האבען זיך צוליב וועלכער ס'אין סבה נישט געשטעלט בין היינט, ווערען אויפגעפאדערט זיך צושטעלען אויף דער צוגאב קאנטראל-קאמיטע פאר'ן ראדאמער פאוויאט, וועלכע וועט פארקומען אין פ. ק. או. אין די טעג 28, 29 גרודניען ה. י. 9 אין דער פריה.

ד. א. ק. I גענעראל בריגאדי

(—) י. ווראבלעווסקי.

## ווען דארפען געצאהלט ווערען וועקסלען אויף דער פאסט?

לויט א פעראָרדנונג פון פאסט-מיניסטעריום וועלען איצט וועקסלען צוגעשטעלט ווערען דורך דער פאסט די אויסשטעלער אין צאהלונגס-טאג און נישט מיט א טאג שפעטער, ווייל דאן וועט דער וועקסעל זיך שוין נישט געפינען אויף דער פאסט נאר ביים בריפען-טרעגער.

פאר וועקסלען, וואס מען קויפט אויס צומארגענס נאכ'ן צאהלונגס-טערמין דארף מען צאהלען א העלפט פון די פראטעסט-קאסטען, מיט א טאג שפעטער — צאהלט. מען שוין די גאנצע פראטעסט-קאסטען.

## צוויי וואכען פאר דער חתונה זיך געלאזט מקדש זיין פון א צווייטען.

פון זאגאזשדזשאן שרייבט מען אונז וועגען פאלגענדען אינטערעסאנטען פאקט:

א היגע פריילין, א געוויסע מ. ש. זייענדיג געצחינגען דורך איהרע עלטערען חתונה צו האבען מיט איהר חתן ב. פון סקארישעוו, האט זיך געלאזט מקדש זיין אין בנוכחות פון 10 עדות פון איהר געליבטען מ. ש. ק. פון ווארשא-פראגע. די דאזיגע געשיכטע האט דא ארויסגערופען א גרויסע אויפרודערונג צוליב דעם, וואס דאס דערמאנטע מיידעל האט זיך געלאזט מקדש זיין פון דעם צווייטען יונגערמאן צוויי וואכען פאר איהר חתונה מיט'ן ערשטען אפיציעלען חתן.

## פון סוחרים-פעראיין

כדי אויסצומיידען פערשפעטיגונגען ביים אויסקויפען נייע פאטענטען אויפ'ן יאהר 1928 האט דער סוחרים-פעראיין בעשטימט א ספעציעלע אבטיילונג אין זיין סעקרעטאריאט, וואס זאל זיך פערנעמען מיט'ן אויסקויפען די פאטענטען פאר זיינע מיטגליעדער אין דער געהעריגער צייט.

די דאזיגע אבטיילונג איז טהעטיג יעדען טאג פון 6—9 אוונד אין לאקאל פון סוחרים-פעראיין לובלינער 18. די יעניגע מיטגלידער, וואס ווילען זיך בעצייטענס בעזארגען מיט פאטענטען קאנען עס ערלעדיגען אויף א בעקוועמליכען פאר זיי אופן. ווענדענדיג זיך אין דער דערמאנטער אבטיילונג פון סעקרעטאריאט ביים סוחרים-פעראיין.

* * *

זונטאג דעם 4-טען גרודניען וועט דער פרעזעס פון סוחרים-פעראיין אבגעבען פאר א גרעסערע צאהל מיטגליעדער א בעריכט פון דער קאנפערענץ, וואס ער האט אבגעהאלטען מיט'ן אבער-ראט אין ווארשא.


## בעקאנטמאכונג.

די לאנג עגזיסטירענדע פירמע נתן זיגמאן, ראדאם לובלינער 5 מאכט בעקאנט, דאס ער האט ערהאלטען צום הערבסט-סעזאהן פערשידענע בעסטע שטאפען, בעניסקע און דאמסקע אויף אנצוגען, פאלטענס, קאסטיומען, זיידענס, פליושען, לייוונט אויף וועש, ווי אויך פוטער צו פעלצען

ביליגע פרייזען! == גוטע בעדינגונגען! == קומט און איבערציינט אייך!

מיט אכטונג נתן זיגמאן, ראדאם לובלינער 5.



**Kino ODEON Kino**

OD 5 GRUDNIA 1927 R.
Uroczysty dzień dla wszystkich miłośników kina.

Nadzwyczajna atrakcja sezonu. = Najpiękn. symfonja miłości. = Pełne poezji i emfazy arcydzieło sztuki kinematogr.

# SIóDME NIEBO (Gdy zegar wybija jedenastą).

Cudo gry i techniki, które przez szereg tygodni wypełniało po brzegi sale kin FILHARMONJA i CASSINO.
Rekordowe arcydzieło sezonu, na którem stale były wyprzedane wszystkie seanse.
Obraz, który wzniecił nietylko entuzjazm widzów, ale i fachowych prasowych krytyków.
OBRAZ NIE MAJĄCY W TYM SEZONIE RÓWNEGO SOBIE.

Reżyserja słynnego **FRANKA BORZAGE.**

— Główni — wykonawcy ról: urocza **Janet GAYNOR** i przemiły **Charles FARREL**

**BILETY ULGOWE I PASSE-PARTOUT NIE WAŻNE.**

Bilety tylko NIEZNACZNIE PODWYŻSZONE. (Tylko 20 gr. Konieczność spodowana kosztem obrazu).

**Sprzedaż biletów seansami.** ◆◆ **ORKIESTRA POWIĘKSZONA.**


## OGŁOSZENIE

**MAGISTRAT m. RADOMIA** niniejszem komunikuje, że od dn. 29.XI b. r. do 5.XII b. r. w Wydziale Skarbowym jest wyłożona, nadesłana przez Zarząd Straży Pożarnej Ochotniczej lista płatników składki pożarniczej wzamian za powinność naturalną, do publicznego wglądu.

Ściąganie powyższej składki pożarniczej rozpoczyna się z dnia 5.XII b. r.

**Magistrat.**

(—) w. Prezydent **UZIEMBŁO**
(—) Naczelnik Wydziału **KOWARSKI.**


## ZAWIADOMIENIE.

Niniejszem zawiadamiamy naszą P. T. klijentelę, iż z dniem 1 grudnia b. r. biuro zostało przeniesione do lokalu przy ul. MONIUSZKI (Kościelna) 6 II piętro

„KARPATY"
SPRZEDAŻ PRODUKTÓW NAFTOWYCH
Spółka z ogr. por.
**ODDZIAŁ w RADOMIU.**

**Poszukujemy zaufania godnej osoby**, dla której w jego miejscu zamieszkania zamierzamy urządzić filję naszego przedsiębiorstwa. Zawód i miejsce zamieszkania obojętne. Stały dochód miesięczny Zł. 1.500. — Reflektant zajmowałby się pod kierownictwem Dyrekcji prowadzaniem filji, a specjalnie podziałem towarów (żaden skład) na swą okolicę. Zawód obecny można zatrzymać. Zgłoszenia pod „Filja № 359" do **Biura Ogłoszeń „PAR" w Poznaniu, Aleje Marcinkowskiego 11.**

די דירעקציע פון די גימנאזיעס

## „Przyjaciół Wiedzy"

אין ראדאם.

מאכט בעקאנט, אז די עגזאמענס פאר די נייע אריינטרעטענדע שילער אין די קלאסען פון אינטער-גימנאזיום וועלען פארקומען דעם 8-טען סטיציען 1928.

אין די קלאסען פיערטע, פינפטע, זעקסטע איז פארהאן א בעגרעניצטע צאהל-ערטער.

אין די זיבעטע און אכטע קלאסען וועלען קיין נייע שילער נישט צוגענומען ווערען.

ביטעס בייגעלעגט מיט געבורטס-צייגנישען (מעטריקעס) און פון יעצטיגע שול צייגנישען נעמט אן די קאנצעלאריע (קיליגסקא 13) ביז דעם דריטען סטיציען. נאך דעם טערמין וועלען קיין ביטעס נישט אנגענומען ווערען.

**דירעקציע.**

**ZENITH**



„זעניט"
זייגעריל
איז עלעגאנט,
פראקטיש,
דויערהאפט
און ריכטיג.

## Tow. „LINAS HACEDEK" w Radomiu

wyraża niniejszem najserdeczniejsze podziękowanie WP. J. GRODZICKIEMU właścicielowi Kina „CZARY" w Radomiu, za złożoną hojną ofiarę na rzecz biednych chorych pozostających pod opieką powyższego Towarzystwa.

**Zarząd Tow. „LINAS-HACEDEK"**
w RADOMIU.

Radom 30 listopada 1927 r.

LEKARZ DENTYSTA

## E. OKNOWSKI.

Leczenie zębów oraz jamy ustnej
wraz z Laboratorjum zębów sztucznych
pod kierownictwem technika dentystycznego
z kwalifikacjami zagranicznymi K. GINGOLDA

Ceny nader przystępne i dogodne warunki

**KIELCE, Kapitalna 11 m. 16** parter.

בעסטע שיפס-קאמוניקאציע צווישען פוילען און קאנאדע

## „באלטיק-אמעריקא-ליין"

עמיגראציע — ענינים ערלעדיגט

ביורא „יוס"

קעלץ, קילינסקי גאס № 8

די נייעסטע און שעהנסטע

## „טאפעטען"



אויך צימער-טאפעטירונג
בעדיענט ביליג, פערקויפט

## ש. שטיינמאן

ראדאם, לובלינער № 21
ביטע זיך צו ערקינדיגען!

Kino „CZARY" w Kielcach | DZIŚ PREMJERA!

Święto Kinomatografji Polskiej

## Z E W M O R Z A

w rolach głównych — król humoru
*Marjusz Muszynski* i najpiękniejszy amant Polski *Jerzy Marr*

געברויכט נאר

## „פאטאקאל"

וועלכער איז אויף דער ווירטשאפטליך שפייז-פראדוקטען אויסשטעלונג אין קאטאוויץ (18|9—9|10 27) בעשאנקען געווארען מיט א




## גאלדענעם מעדאל

הכשר פונ"ם הרה"ג צבי חנוך הכהן שליט"א לעווין אבד"ק בענדין.

## בעקאנטמאכונג.

### דער סוחרים פעראיין אין ראדאם

מעלדעט זיינע מיטגלידער, או זונטאג דעם 18 דעצעמבער 1927 4 א זייגער נ. מ. ווערט פארקומען אין אייגענעם לאקאל לוב. 18

די יעהרליכע

## אלגעמיינע בעריכט'ס-פערזאמלונג

מיט פאלגענדען טאג-ארדנונג:

1) עפנען די פערזאמלונג, 2) וואהלען פון א פארזיצענדען 3) בעריכט פון דער פערוואלטונג, 4) קאסע-בעריכט, 5) דיסקוסיעס, 6) וואהלען פון 3 מיטגלידער אין דער פערוואלטונג, 7) וואהלען פון 4 מיטגלידער אין אויפזיכט'ס-ראט, 8) וואהלען פון 4 מיטגלידער צו דער קאמיסיע פון שיעד'ס-געריכט, 9) וואהלען פון 3 מיטגלידער און 2 פערטרעטער אין דער רעוויז.-קאמיסיע, 10) פרייע פארשלאגען.

**בעמערקונג:** אין פאל אויב ס'וועט נישט זיין א גענוגענדע צאהל מיטגלידער וועט די פערזאמלונג פארקומען 7 אזייגער אין זעלבען טאג און זי וועט זיין גילטיג ביי יעדער צאהל מיטגלידער אנטייל נעמען אין דער פערזאמלונג האבען רעכט נור מיטגלידער.

*Kino „Odeon" w Radomiu.*

**Od 28-go listopada**

Druga i ostatnia serja wszechświat. arcydzieła. JULJUSZA WERNE'A p. t. MICHEL STROGOF

## Golgota kurjera Carskiego

w rolach głównych:
**Iwan Mozżuchin i Natalja Kowanko**

Nad proargm występy słynnego
**Władzia Zwirlicza.**

Kino „CORSO" w Radomiu.

**Od czwartku do niedzieli 4 b.m. włącznie**

## KSIĄŻĘ ORŁOW

Wspaniały dramat w 10 dużych aktach.

**NAD PROGRAM!**
Spryt to grunt — farsa w 2-ch aktach.

Anons! Następny program Bestja morska

Kino CZARY w Radomiu.

Od poniedziałku 28 b. m. i dni następn.
słynna gwiazda filmowa **Dolores del Rio**
W ARCYDZIELE

## Świat w płomieniach

(WHAT PRICE GLORY) wielki dramat w 14 akt.
w rolach głównych słynna **Dolores del Rio Wiktor Mc. Laglen i Edmund Lowe.**

Redaktor i Wydawca Ch. M. HERC

Odbito we własnej drukarni, Radom, Szwarlikowska 20.